גיע דער פאַרלויפער פונעם עקס־
פרעסיאָניזם (נישט אין פאָרם,

דיאַלאָג־שפּיל, נישט צופיל פאַר־
טיפּט, מיט אַ טענדענץ צו סענ־

אויף דער דעקאָראַציע אויך פון אַ דרום־אַמעריקאַנער: נאָרבער־טאָ כהן.

יאָ — און די שפּיל פון אַקטיאָרן? — דאָס, זעט איר, איז שוין אַ באַזונדער פּראָבלעם. עס איז אַ כלל: וואָס ווייניקער באַטייליקטע, אַלץ בולטערע אַקטיאָרישע פּערזענלעכקייטן דאַרפן זיי זיין, כדי צו ווירקן און באַווירקן אַ טעאַטער־עולם. די צוויי יונגע אויספירערס פון חנס דיאַלאָג זענען נאָך נישט קיין סצענישע פּערזענלעכקייטן. דלין, להב האָט זייער פיינע מיטלען פאַר אַ יונג מיידעלע, אַ „חתיכה"; אויך אַ חוש פאַר הומאָר. אָבער — דאָס נאָרמאַלע וואָרט ווערט נאָך ביי איר צעקוועטשט און זי כאַפּט בכלל אַלץ אָפּ. ווי זי וואָלט מורא געהאַט. אַז ס'וועט איר אַנטלויפן (אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פאַר אָנפאַנגערס). עמוס מוקדי איז אַ רייפערער אַקטיאָר, מיט פיינע מיטלען; ער האָט זיך אָבער איינגעשאַפט אַ געוויסן אַרסענאַל פון שפּיל־קונצלעך און עקספּאַטירט זיי. ער מאַכט טעאַטער אין דער ראַ... זעען זיך אין דער גאַנצקייט גראָבע שטעך פון מלאכה.

פון דעסטוועגן האָט „זוית" גוט געטון, וואָס ער האָט אויפגעפירט די פּיעסע. נישטאָ קיין אַנדער וועג צו אַנטוויקלען אַ היימישע דראַמאַטורגיע. ווי דערמעגלעכן די אָנפאַנגערס־דראַמאַטורגן זיך צו לערנען אין דער פּראַקטיק פון לעבעדיק טעאַטער.

# זייט געבענטשט, „יוגנטרוף"!

צוי אונדז איז דערגאַנגען דער ערשטער נומער פונעם אַל־וועלטלעכן יידישן יוגנט־זשורנאַל, וואָס איז דערשינען אין ישראל — „יוגנטרוף", נר. 11—10 (ירושלים, דעצעמבער, 1967, זייטן 38 + הילע). ווילט זיך מאַכן אַ ברכה אויפן זשורנאַל און — בענטשן זיינע איניציאַטאָרן, בויערס, שרייבערס און פריינד.

„מיר האָבן דאָ צווישן זיך יונגע לייט פון אַרגענטינע אורוגוואַי, באָליוויע, קאָלאָמביע, מעקסיקע און נאָרוועגיע און זיצן זיצן מיר אַלע אין ישראל" — לייענען מיר אינעם אַריינפיר צום צענטן נומער. ס'זעט אויס, אַז די „יוגנט־רופיסטן" זענען סטודענטן (לכל־הפחות — זייער מערהייט). נישט דאָס איז אָבער פאַר אונדז וויכטיק — וויכטיק איז דער פאַקט, אַז זיי אַלע (כאָטש אין דער מערהייט פאַלן דערצויגן אין אַנדערע שפּראַכן) האָבן ליב יידיש און ווילן עפּעס אויפטון פאַר דער מערכה פון יידיש. דאָס ווילן מיר באַזונדערס באַגריסן אין דער גרופּע (וועלכע האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט אַ „קנעפּל", אַ צייכן „רעדט מיט מיר יידיש", ו...
יידישער וועלט).

די רעדאַקציע פון זשורנאַל איז אַ ניו־יאָרקער (יודזשין אָרענשטיין, חנה מילער, נעמי פּראַווער, זלמן מלאָטעק) און אַ ירושלימער (יוסף קאַפּלאַן, דוד־הירש ראָסקעס, יחיאל שיינטוך), ווי אויך אַן אַרגענטינער (יצחק ניבאָרסקי). אינעם צענטן נומער זענען פאַראַן באַגריסונגען פון: שמחה ביקל, ד. וואָלפע, מלך ראַוויטש, שמואל ראָזשאַנסקי; אַן אָפּטיילונג „15 יאָר נאָכן אומברענגען פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס" (מיט לידער פון די דערמאָנטע); אַ קאַפּיטל פון דער פּרעמירטער (אין בראַנדיס־אוניווערסיטעט) אָפּהאַנדלונג פון דוד־הירש ראָסקעס „חורבן געשטאַלטן ביי ה. לייוויק" — מיט צייכענונגען פון רבקה־מרים ראָכמאַן צו לייוויקס „די חתונה אין פערנוואַלד"; לידער פון יצחק ניבאָרסקי; פראַגמענטן פון יצחק רודאַשעווסקיס „טאָגבוך פון ווילנער געטאָ" (מיט אַן אַריינפיר און אַן אונטערווין וועגן טאָגבוך); לידער אין העברעיש און יידיש פונעם יונגן דיכטער יהודה עופר־הירשפעלד (פון זיין נאָרוואָס דערשינענער לידער־זאַמלונג „בכחול" — איבערזעצט אין יידיש פונעם דיכטער גופא); אַן אָפּהאַנדלונג פון יחיאל שיינטוך וועגן „פראַגנץ ראָזנצווייג — טעאָלאָג און דערציער"; אַ ליד פון א. כ. אייגעלפעלד; „יונגוואַרג דערציילט" פון פיליס אַילאָן (פיניקס, אַריזאָנאַ); לידער פון בן־שמואל; און די רובריק אין דער באַוועגונג.

וואָס האָט מיך פּערזענלעך גאָר שטאַרק דערוואַרעמט: דוד־הירש ראָסקעס איז אַ זון פון מיינע אַלטע באַקאַנטע (פון ווילנע) לייב און מאַשע (ווע. טשערמאַן) ראָסקעס; רבקה מרים איז די טאָכטער פונעם באַקאַנטן יידישן שרייבער לייב ראָכמאַן (און אַליין — אַ באַגאַבטע העברעישע דיכטערין, אַ חוץ מאָלעריי), יהודה עופר־הירשפעלד איז אַ זון פון די באַקאַנטע יידישע אַקטיאָרן אסתר ראַפּעל און זלמן הירשפעלד. אָט די המשכדיקייט, צוזאַמען מיט יוגנט, וועלכע איז ווייט געשטאַנען פון יידיש (און אפשר יידישקייט בכלל), פאַרשטאַרקט דעם גלויבן, אַז לא אלמנה איז יידיש, אַז מאַמע־לשון לעבט ווייטער — ביי אַלע צרות, ראַגלענישן און קלאָגמוטערס — און וועט לעבן, באַרייכערנדיק אונדזערע טויזנט־יעריקע קולטור־אוצרות און דערמיט אויך: דעם גרויסן דורות־דיקן קולטור־אוצר פונעם יידישן פאָלק בכלל.

זייט געבענטשט און געבענטשט זאָלן זיין אייערע טואונגען, חברים פון „יוגנט־רוף"!

(י. ט. ג.)

פאָלקסבלאַט (ת"א)

## זריה באַומינגער:
## „לוחמי גיטו קריקוב"

אַ בוך וועגן די קעמפערס און קאַמפן, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין קראָקעווער געטאָ קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט — מיט בילדער פון די קעמפער און דאָקומענטן (העברעיש, 100 זייטן, פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב).

ד"ר אריה באַומינגער איז אַ לעקטאָר אינעם באָסטאָנער לערער־סעמינאַר און אין בראַנדייס־אוניווערסיטעט.